# פאַבריק-לידער

פון יאָסל

---

## פאַבריק

ווענטיליאַטאָרן זיך דרייען,
בלאָזן א שטויביקן ווינט,
אייזן־מאַשינען אין רייען
נייען פון הענט געמאַשינט.

קריצן זיי אויס א געקריצונג,
שנאַלן אַן אייזן־געשנאַל,
שוויצן די לייבער א שוויצונג —
פאַרעווען פליישן און שטאַל.

טריסקעט א רעדן פון מילער:
געמיש פון ווערטער און שטויב,
קלאַנגען אין לופט אַרוסקיילערט:
זינגט מען צום שווייס־נאָט א לויב!

קולקעס געלעכטער צעסקאַלערט
אויף ליפן צעקרימטע — קרום,
נאָדל־מאַשינען צעשנאַלערט
קריצן פאַרטעמפטן געברום.

פאַרעווען פליישן און אייזן,
קריצן צום שווייס־נאָט א לויב,
ווענטיליאַטאָרן אומקרייזן —
ווירבל פון ווינט מיט א שטויב...

---

## אונזער פּאָרטרעט

גענעצדיסע קלאַנגען — טיילערדיס געריעד,
שטויבענדער געלעכטער — חוזפ'דיס
געשפעט,

פּנים'ער פאַרזשאַווערט — אויגן פלעסן
צווי.
האַנטישע באַוועגונג — שקלאַפּישער
גערריי.

גראָבע פיס באַפּלישטע — שלאָבערדיס
צעשפּרייט.
אונטער יעדן קלײדל — שמוציס
אונטערקלייד...

---

LT:—
D. FEIGLIN
AL ESTATE AGENT
LLINS ST., 'Phone M.5856
R YOUR PROPERTY
UIREMENTS, IN FLATS
IES COTTAGES, ETC.
S OF FLATS MANAGED,
NCES EFFECTED AND
ENTS FAITHFULLY
COLLECTED
onal Attention Given —
address: 95 Miller Street
th Fitzroy, JW. 6502.

## דער לעצטער נומ
## אויסט. דזשואיש

פאַריקע וואָך איז דערשינען די
נומער פון „אויסטראַליען דזשוא
וועלכער אַנטהאַלט א רייכן או
סאָגטן מאַטעריאַל.

אין אַלגעמיין קען מען מיט
קאָנסטאַטירן, אַז די נייע אויסג
איינציקע אין איר אַרט אין
אַנטוויקלט זיך גוט און ווערט
מער מער אינטערעסאַנט.

פון די אַרטיקלען פון לעצטן
מיר אין דער ערשטער ליניע
אויף דעם לייט־אַרטיקל: „די וו
איינציקייט". דער מחבר ווייזט א
באַגרינדעטער אַרגומענטאַציע
נאָך נויטיק אין היינטיקע צייט
נויטיקייט פאַר דעם וועלט־יידנ
אַן איינהייטלעכן פראָנט, כדי צ
דער מענטשהייט א קאָנסטרוקט
דיקע לייזונג פון דער יידיש

דער שתבר פון דעם אַרטיק
אונערהערט נעגאַטיווע רעו
„בונד" אין אַמעריקע, וועלכער
טעריש אַ שיטצותעלטן צו

## די פינישערין...

... און דער קאַם איז. איינגעבוינגן
און אַ נאָדל אין דער האַנט,
און עס ציט זיך לאַנגער פאָדעם,
ציט זיך איבער גרוי־געוואַנט.

און די שאַטע גרינגע אויגן,
און דער פנים מאַט און מיד,
סוקן, סוקן ווי דער פאָדעם
אויף געוואַנט זיך ציט און ציט.

און אַ נאָכלעסיקער געגעץ
גנב'עט זיך אַרויס פון מויל,
און די האַנט זי ציט דעם פאָדעם,
ציט און ציט, באַוועגט זיך פויל...

---

## שפיגלען

זענען פענסטער גרוי געפאַרבטע,
ליגט אויף זיי אַ דיקער שטויב,
זיצט מען מידע־מאַט־פאַרטעמפּטע,
שטויבט מען צו דעם שטויב אַ לויב...

ווייל ווען איינער ווען זיך זען,
קוקט ער זיך אין שויבן איין:
זעט ער דאָרטן מאַטע שאָטנס —
זעט ער דאָרטן זיך אַליין...

---

## בליקן גלעזערנע

ט'עשיצער אַנגעשפּאַרט קאַפּ אויף דער
האַנט, מיט בליקן
גלעזערנע

דוכט זיך ס'האָט עפּעס זיך מוח דערמאַנט
— אַ מעשה
פאַרגעסענע,

האָבן זיך אויגן אויף ווײַלע צעשטראַלט
פון מעשה
פאַרגעסענע

און ווידער פאַרשטומט זיך אייזעריס־קאַלט
אין בליקן
גלעזערנע.

---

## פרעמד

דינגלען קלאַנגען, מאָדנע קלאַנגען,
עבאַן פרעמדע, פרעמד און ווייט;
וואָגלען בליקן, גרויע בליקן
אין דער פרעמדקייט שטומע רייד.

מענטשן טויזנט מאָל באַקוקטע,
ווערן פרעמדער, קאַלט און טויב...
דוכט זיך יעדער מענטש באַזונדער
איז אַ זייל פון גרויען שטויב...

---

## פאַרשאָלטענע...

זענען נאַקנס איינגעבויגן,
איינגעבויגן צו מאַשין;
איבער נאַקנס רייטן אויגן,
בליקן — בייטשן בייסיק דין.

שפּיי אויף אונז פאַרשאָלטענער!
שמייס די לייבער אַ געשמיץ!
שיר וועלן סיי ווי שטויבן, שטויבן,
קושן קנעכטיש דיינע פּיס...

---

[illegible] יידישן טראַנס, און דערווא
אויפלייזונג פון דעם יידישן ישוב
(די יידישע ישובים אין אַנדערע
גיין דעם „בונד", ווי ס'ווייזט אַ
אַן) פון אַ דערפאָלגרייכן סלאָגאַן־ס
רעוואָלוציע באַווייזט אויף נוט־אויס
און אָפּגעניצטע אידעאָלאָגיעס פון כ
פופציק יאָר צוריק, איז נישט נאָר
וואַטיוו, נאָר רעאַקציאָנער.

אין אַ גוט־דאָקומענטירטן אַרטיק
שטעדמאַן וועגן „יידן און די אַרבּ
ווענונג", באַווייזט דער מחבר מי
די פאַלשקייט פון דער באַהויפּטונג
זענען קעגן אַן אָרגאַניזירטער אַרב
ווענונג. ש. שטעדמאַן ווייזט אויף,
דריי־פערטל פון יידישע פּרנסה־
(לויט סטאַטיסטישע באַווייזן פו
פאַרדינען ווייניקער ווי פינף פונט

דר. רזשענטיללי (פּערט), גייט
אינטערעסאַנטער דעמאָגראַפישער
וועגן דעם „בין השמשות פון אויכ
יידנטום".

בן־אַדיר, דער באַקאַנטער פירער
פראַנצויזישער טעריטאָריאַליסטיש
און אַרויסגעבער פון דעם נייעם
„אויפן שוועל", האָט צוגעשיקט פון
אַן אינטערעסאַנטן און ליידנשאַפט
טיקל קעגן דער געפאַר פון אַנטמוט
דעפעטיזם, קעגן אַ „פּאַראַליזירמ
טויט פון איניציאַטיוו".

אַ העכסט אינטערעסאַנטן אַרט
דער יוגנט איז „אונזער רעכט צ
פון אַ. וויטטען.

אין דעם זעלבן נומער פון „פּאַ
דאָ אַ לאַנגע ריי פון נאָטיצן אין ד
לונג „כראָניק פון יידישער קולטו

ס'ווערט אויך געבראַכט דער ערש
פון אַ סעריע: „די אונטערדריקטע
ווערט זיך", אין וועלכן מיר געפין
ידיעות וועגן דעם ווידערשטאַנד קע
ציס אין די באַזעצטע לענדער.

אַ באַזונדער וויכטיקן אָרט אין ד
פאַרנעמט אַ באַריכט וועגן דער הע
אונטערערדישער אַרבעט פון „ב
פוילן.

---

### לאַנד צו פאַרקויפן.

אַ שיינער בלאָק לאַנד מיט אַ הויז
יאַרד און פרייען פּלאַץ פאַר בויע
אָדער פלעטס, צו פאַרקויפ

זיך ווענדן אין רעדאַקציע, 198 פּאַ
קאַרלטאָן.


OOLS
,Y RIGHT?
S WE SPECIALISE
ST., RING: M-5007